ספרי׳ — אוצר החסידים — ליובאוויטש

קובץ
שלשלת האור

היכל
תשיעי

שער
שלישי

# דבר מלכות

•

מאת
כבוד קדושת
**אדמו״ר מלך המשיח מנחם מענדל שליט״א**
**שניאורסאהן**
מליובאוויטש

•

**משיחת אור ליום ד׳ פ׳ שמיני, כ״ו ניסן ה׳תנש״א**
— ביחידות הכללית להאורחים שיחיו —

הוצאת ספרים
קרני הוד תורה
ליובאוויטש

יוצא לאור על ידי מערכת
**„אוצר החסידים״**

770 איסטערן פּאַרקוויי
ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות ושמונים לבריאה
ה׳ **תהא שנת פדות**
שבעים שנה לנשיאות כ״ק אדמו״ר מלך המשיח שליט״א

**יחי אדוננו מורנו ורבנו מלך המשיח לעולם ועד**

הוצאת ספרים
קרני הוד תורה
ליובאוויטש

בס״ד.

# פתח דבר

בזה הננו מוציאים לאור חלק משיחת כ״ק אדמו״ר שליט״א באור ליום ד׳ פ׳ שמיני, כ״ו ניסן שנה זו – ביחידות הכללית להאורחים שיחיו.

## מערכת „אוצר החסידים״

ב׳ אייר, ה׳תנש״א (**ה**י׳ **ת**הא **ש**נת **נ**פלאות **א**ראנו)
שנת הצדי״ק לכ״ק אדמו״ר שליט״א,
ברוקלין, נ.י.

נסדר לדפוס ע״י הת׳ שלום דובער בן חנה והת׳ מנחם מענדל הלוי בן נחמה דינה פייגא



(ובהוספה מדילי׳), וואָס „גדולה צדקה שמקרבת את הגאולה״[82]. ובפרט אין דעם בית הכנסת ובית המדרש ובית מעשים טובים – בית משולש – פון כ״ק מו״ח אדמו״ר נשיא דורנו.

והקיצו ורננו שוכני עפר[83], והוא וכל בני ביתו נשמות בגוף בתוכם, צוזאַמען מיט אַלע אידן פון כל הדורות,

און מ׳נעמט מיט אין ארץ הקודש דעם ביהכנ״ס וביהמ״ד און אַלע בתי כנסיות ובתי מדרשות[84].

ועוד והוא העיקר: לא עכבן אפילו כהרף עין[85], יראה אל אלקים בציון[86], בנערינו ובזקנינו בבנינו ובבנותינו.

82) ב״ב י, א. וראה תניא פל״ז (מח, ב).
83) ישעי׳ כו, יט.
84) ראה מגילה כט, א.
85) מכילתא ופרש״י בא יב, מא.
86) תהלים פד, ח.

**לזכות**

**כ״ק אדמו״ר מלך המשיח שליט״א**

**מהרה יגלה אכי״ר**

יה״ר שיראה רוב נחת מבניו – התמימים בפרט,
משלוחיו, חסידיו וכלל ישראל – בכלל
ויגאלנו ויוליכנו קוממיות לארצנו הק׳
ויבנה ביהמ״ק במקומו ויקבץ נדחי ישראל
בגאולה האמיתית והשלימה
נאו תיכף ומי״ד ממ״ש!

**יחי אדוננו מורנו ורבנו מלך המשיח לעולם ועד!**

און תשובה אויף ענינים הפכיים, נאָר מ׳האָט דעמולט די תשובה באופן פון „לאתבא צדיקיא בתיובתא״[75] (די תשובה איז אויף דעם וואָס ער האָט געקענט טאָן זיין עבודה באופן נעלה יותר).

און דער חודש ניסן גיט נאָכמער כח צו יעדער איד און הויבט אים אויף נאָך העכער, אַז חאָטש זיין מעמד ומצב ביז איצטער איז געווען אַ הויכער, ווערט ער אויפגעהויבן לדרגת נס (למעלה מטבע העולם לגמרי), און ער זעט די נסים פון דעם אויבערשטן אַרום זיך.

ווי מ׳זעט עס במיוחד באַ די אידן וואָס קומען אַרויס (כביציאת מצרים) ממדינה ההיא, אַז ניט קוקנדיק אויף די נסיונות וואָס זיי זיינען דורך און אַ טייל פון זיי האָבן ניט געהאַט אַ שייכות גלוי׳ מיט לימוד התורה וקיום המצוות, זיינען אַ ריבוי מהם אָנגעקומען אין ארץ הקודש, און זיי האָבן אַ שייכות לתומ״צ בפועל, אויך דורך אַרויסהעלפן אַ צווייטן אידן בזה, ביז אַז זיי אַליין — און זייערע קינדער — ווערן לומדי תורה ומקיימי מצוות בהידור;

און אפילו די וואָס האָבן זיך דערווייַלע באַזעצט, מסיבות שונות ומשונות, אין אַנדערע מדינות, ווען זיי דערנאָך אויך אָנקומען אין ארץ הקודש, כנ״ל. ועוד וגם זה עיקר — אַז זיי קומען אַלע אָן אין „ארץ הקודש״ און אין „ירושלים עיר הקודש״ ברוחניות, „יראה שלם״, שלימות היראה[76].

ווי מ׳זעט עס בגלוי אין דעם קיום פון מצות מילה[77], וואָס מ׳איז דאָס איצטער מקיים ביי כו״כ פון אחינו בני ישראל ממדינה ההיא (וואָס זיי האָבן עס ניט מקיים געווען צוליב די נסיונות און שווערייקייטן), ביז אַז זיי בעטן זיך אַז מ׳זאָל דאָס ניט מעכב זיין און גלייך מכניס זיין זיי בבריתו של אברהם אבינו, „אחד הי׳ אברהם״[78].

ט. ועוד והוא העיקר: פון דער שמחה ושירה[79] אויף די איצטיקע נסים גלויים, זאָל מען קומען תיכף ומיד ממש צו „נודה לך שיר חדש על גאולתנו״, בגאולה האמיתית והשלימה, וואָס דעמולט וועלן זיין די גרעסטע נסים ונפלאות, „אראנו נפלאות״ (נפלאות — אפילו בערך צו די נסים ביציאת מצרים),

און אַלע אידן, „בנערינו ובזקנינו גו׳ בבנינו ובבנותינו״[80], בכל מקום שהם — סיי פון מדינה ההיא, סיי די וואָס האָבן זיך באַזעצט דערווײַלע במדינות אחרות — גייען, „וארו עם ענני שמיא״[81] (ע״ד ווי מ׳פליט מיט אַן אוירון, אָבער נאָך שנעלער) — אין ארצנו הקדושה, אין ירושלים עיר הקודש, להר הקודש, לבית המקדש השלישי.

און מ׳הײלט דאָס נאָכמער צו דורך מאַכן יעדערן פאַר אַ שליח מצוה לצדקה

---

שמתחילים לומר בחודש ניסן שנה זו. וראה ה„פתיחה״ לקובץ י״א ניסן — שנת הצדי״ק ס״ה ואילך.

75) ראה זח״ג קנג, ב. לקו״ת שמע״צ צב, ב. שה״ש נ, סע״ב. ועוד.

76) ב״ר פנ״ו, י. תוד״ה הר — תענית טז, א. לקו״ת ר״ה ס, ב.

77) ולהעיר מהשייכות דמילה לענין שמיני (שקורין פ׳ שמיני שמונה פעמים בשנה זו, כנ״ל בפנים) — שמילה (גם שאינה בזמנה) קשורה עם „למנצח על השמינית״ (ראה לקו״ת תזריע כ, ד ואילך).

78) יחזקאל לג, כד. וראה רמב״ם ריש הל׳ ע״ז.

79) ועפ״ד שבנ״י אמרו שירת הים על הנס דקרי״ס וטביעת מצרים בים (ובאריכות הפרטים). ואומרים שירת הים בכל יום בתפלה — טור או״ח סנ״א. שו״ע אדה״ז שם ס״א. — וראה זח״ב נד, ב.

80) בא י, ט.

81) דניאל ז, יג. סנהדרין צח, א.



## בס״ד. משיחת אור ליום ד׳ פ׳ שמיני, כ״ו ניסן ה׳תנש״א

— ביחידות הכללית להאורחים שיחיו —

א. שטייענדיק נאָענט צום סיום פון חודש ניסן, „חודש הגאולה״[1] — וואָס זיין ענין כללי ועיקרי איז חג הפסח, „זמן חירותנו״[2], ווען מ׳דאַנקט דעם אויבערשטן פאַר די נסים ונפלאות וועלכע ער האָט באַוויזן באַ יציאת מצרים — איז פּאַסיק זיך אָפּצושטעלן אויף די נסים ונפלאות וועלכע האָבן פּאַסירט און פּאַסירן הייַנטיקן יאָר אין דער איצטיקער תקופה[3].

*

די נסים׳דיקע הנהגה פון דעם אויבערשטן אַרויסנעמענדיק אידן מעבדות לחירות ביציאת מצרים איז ניט אַן איינמאָליקע זאַך וואָס האָט פּאַסירט נאָר דעמולט (באַ יציאת מצרים), נאָר „בכל[4] דור ודור [ובכל יום ויום[5]] חייב אדם לראות את עצמו כאילו הוא יצא [היום[5]] ממצרים״ [ביז אַז דאָס דריקט זיך אויס במעשה בפועל בליל הסדר, אַז „ישב בהסיבה דרך חירות כו׳״[6]], און ווי מ׳זאָגט אין דער הגדה של פסח (בליל הסדר): „לא את אבותינו בלבד גאל הקב״ה ממצרים אלא אף אותנו גאל עמהם״[7] [ביז אַז „אילו לא הוציא הקב״ה את אבותינו ממצרים הרי אנו ובנינו ובני בנינו משועבדים היינו לפרעה במצרים״[8]], און „לפיכך אנחנו חייבים להודות ולהלל כו׳ למי שעשה לאבותינו ולנו את כל הנסים האלו הוציאנו מעבדות לחירות מיגון לשמחה כו׳ ומשעבוד לגאולה כו׳״[4].

און נאָכמער: גאולת מצרים האָט „אויפגעעפנט״ די וועג (דעם צנור)[9] און געגעבן דעם כח אויף חירות וגאולה — ובאופן נסי — פון אידן במשך כל הדורות וכל הזמנים[10]; גאולת מצרים איז די פתיחה והתחלה און איז כולל[11] אַלע גאולות (כולל אַ גאולה וואָס „לאו גאולה דגלות היא אלא שיגאלנו מן הצרות הבאות עלינו כו׳״[12]), ביז אויך — די גאולה האמיתית והשלימה[13] (שאין אחרי׳ גלות[14]), אויף וועל־

---

1) שמו״ר פט״ו, יא.

2) נוסח התפלה והקידוש דחה״פ. וראה לקו״ש חי״ז ע׳ 71 ואילך.

3) ראה גם מכתב כ״ה אדר ש.ז. (לקמן [סה״ש תנש״א ח״ב] ע׳ 883 ואילך).

4) משנה פסחים קטז, ב.

5) הוספת אדה״ז בתניא רפמ״ז.

6) טושו״ע סתע״ב ס״ב. שו״ע אדה״ז שם ס״ז. וראה גם משנה פסחים צט, ריש ע״ב. רמב״ם הל׳ חו״מ פ״ז ה״ו־ז.

7) הגש״פ פיסקא ד״ה בכל דור.

8) שם פיסקא ד״ה עבדים היינו.

9) ד״ה כימי צאתך תש״ח פי״ב (סה״מ ע׳ 164). וראה גם ד״ה זה תשמ״ב (סה״מ מלוקט ח״ב ע׳ לז ואילך) ס״ג.

10) וראה גבורות ה׳ (להמהר״ל) פס״א.

11) וכן מסעות בנ״י במדבר העמים (וכן מסעות בנ״י במשך כל הדורות) נכללים בהמסע ויציאה ממצרים, ולכן נאמר „אלה מסעי בנ״י אשר יצאו מארץ מצרים״, מסעי לשון רבים (אף ש„מארץ מצרים הוא רק יציאה ונסיעה ראשונה שנסעו מרעמסס לסוכות״) — ראה לקו״ת מסעי פח, ג ואילך.

12) ד„שם גאולה עלה״ (רש״י ד״ה אתחלתא — מגילה יז, ב).

13) ואילו זכו היתה גאולת מצרים הגאולה שלימה (ראה ספרי דברים א, ב. הנסמן בלקו״ש חי״ט ע׳ 346), כפי שאמרו בשירת הים „מקדש אד׳ כוננו ידיך ה׳ ימלוך לעולם ועד״ (בשלח טו, יז־יח. ובפרש״י שם), כי גאולת מצרים היא ההתחלה דגאולה השלימה.

14) מכילתא עה״פ בשלח טו, ב. תוד״ה ד״ה ה״ג ונאמר — פסחים שם. ועוד.

כע עס שטייט[15] „כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות". און דערפאַר זאָגט מען אין דער ברכה[16] „אשר גאלנו וגאל את אבותינו ממצרים" (בהמשך ובסיום פון „לפיכך" הנ"ל): „כן ה' אלקינו כו' יגיענו למועדים כו' בבנין עירך כו' ונודה לך שיר חדש על גאולתנו כו'".

פון דאָס אויבנגעזאָגטע איז פאַרשטאַנדיק — וויבאַלד אַז „בכל דור ודור חייב אדם לראות את עצמו כאילו הוא יצא ממצרים", און יציאת מצרים איז די התחלה און איז כולל אַלע גאולות פון אידן — אַז דורך אַריינטראַכטן זיך אין די נסים ונפלאות פון יציאת מצרים קען מען זען ווי זיי שפּיגלען זיך אָפּ — „בכל דור ודור", „בכל יום ויום" — אין די איצטיקע נסים ונפלאות, דורך וועלכער „הקדוש ברוך הוא מצילנו מידם"[17] פון די וואָס „עומדים עלינו" „בכל דור ודור", ביז — (ווי דאָס ברענגט צו) די נסים ונפלאות אין דער גאולה שלימה (וועלכע זיינען בדומה צו די נסים פון יציאת מצרים). וכדלקמן (סעיף ג).

ב. און אָט די הנהגה נסית — וואָס האָט זיך אויפגעטאָן לכל הזמנים באַ יציאת מצרים — שטייט נאָכמער בגלוי אין חודש ניסן, וואָס „בניסן נגאלו ובניסן עתידין ליגאל"[18], וכידוע אַז ניסן איז מלשון נס[19], און נאָכמער: ניסן (מיט צוויי נוני"ן) באַווייזט אויף „נסי נסים"[20]; ובמיוחד — אין דעם צווייטן האַלב חודש, וועלכער הויבט זיך אָן מיט חג הפסח (בחמשה עשר בניסן), „זמן חירותנו",

ובפרט בקביעות שנה זו — „שנת אראנו נפלאות" — ווען דער ערשטער טאָג פסח איז געווען ביום השבת, וואָס איז בכלל אַ זמן חירות (בערך צו די אַנדערע טעג פון וואָך) — די באַפרייאונג פון יעדער מלאכה (אויך פון „מלאכת אוכל נפש" וואָס איז מותר ביו"ט[21]), און מ'האָט אַלץ מן המוכן (כל מלאכתך עשוי'[22]);

עאכו"כ נאָך אַלע (זיבן) אַכט טעג פון חג הפסח [ווי דאָס איז אין חוץ לארץ, וואו עס געפינען זיך איצטער רוב מנין ובנין פון אידן], וואָס אין „זמן חירותנו" עצמו זיינען די ימים האחרונים פון חג הפסח אַ העכערע דרגא אין חירות לגבי די ימים הראשונים, וכידוע[23] אַז די ימים ראשונים זיינען פאַרבונדן בעיקר מיט גאולת מצרים און די ימים אחרונים[24] — בעיקר מיט דער גאולה האמיתית והשלימה, שאין אחרי' גלות, חירות אפילו בערך די חירות פון גאולת מצרים, נפלאות אפילו בערך די נפלאות פון „כימי צאתך מארץ מצרים"[25].

און דערפון ווערט עס נמשך אין די איצטיקע טעג נאָך פסח בסיום וחותם פון

15) מיכה ז, טו.

16) בהגש"פ — ממשנה פסחים שם.

17) הגש"פ פיסקא ד"ה והיא שעמדה.

18) ר"ה יא, א. שמו"ר שבהערה 1.

19) ראה מדרש לקח טוב עה"פ בא יב, ב: ניסן שבו נעשו נסים לישראל.

20) ראה ברכות נז, רע"א ובפרש"י וחדא"ג מהרש"א שם.

21) בא יב, טז.

22) מכילתא ופרש"י יתרו כ, ט. טושו"ע או"ח סש"ו ס"ח. שו"ע אדה"ז שם סכ"א.

23) ראה שיחת אחש"פ (בסעודת הלילה) ה'ש"ת (ספר השיחות ע' 72). תשמ"ח (סה"ש ח"ב ע' 384). לקו"ש (חל"ז) ימים אחרונים של פסח ס"ה.

24) ובפרטיות יותר — בימים האחרונים עצמם: שביעי של פסח שייך בעיקר לגאולת מצרים, ואחרון של פסח לגאולה העתידה, כמודגש בהפטורת היום, ובאכילת סעודתו של משיח באחרון של פסח [ובפרט בקביעות שנה זו, שהסעודה היתה גם במוצאי שבת קודש, סעודתא דדוד מלכא משיחא] — ראה שיחת אחרון של פסח ש.ז. (לעיל [סה"ש תנש"א] ח"א ע' 436 ואילך).

25) ראה אוה"ת נ"ך ח"א עה"פ (ע' תפז). וש"נ.





אידן וואָס קומען איצטער אַרויס (ביציאת „מצרים") פון מדינה ההיא.

ח. ויהי רצון אַז דער אויבערשטער זאָל העלפן יעדער איד ער זאָל האָבן די „עינים לראות ו(במילא) אזנים לשמוע", און „לב לדעת"[63] — צו זען „המסות הגדולות אשר ראו עיניך האותות והמופתים הגדולים ההם"[64], די נסים גלויים וואָס קומען פאָר בכל יום,

ובפרט אַז מ'האַלט שוין נאָך די „ארבעים שנה"[65] זיין במדבר העמים (פון גלות), אין אַ מצב פון „(ארבעים שנה) אקוט בדור"[66], און מ'האַלט שוין באַ „יבואון אל מנוחתי"[67], אין ארץ הקודש וירושלים[68], ביז „שלם", שלימות המנוחה — בגאולה האמיתית והשלימה,

איז פאַרשטאַנדיק, אַז אידן זיינען שוין דערצו גרייט, און האָבן שוין דעם „לב לדעת ועינים לראות ואזנים לשמוע" [אַזוי ווי ס'איז געווען בארבעים השנה נאָך יציאת מצרים, וואָס כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות].

און אפילו אויב ס'איז נאָך דאָ אַ איד וועמען מ'דאַרף מסביר זיין ביז ער זאָל זען די נסים (וואָרום ער האָט זיך דערווייליע נאָך ניט פאַנאַנדערגעקליבן) — קומט עס אָן אויפן לייכטסטן אופן, בדרכי נועם ובדרכי שלום ובשמחה ובטוב לבב, ס'איז גענוג מ'זאָל אים איין מאָל מעורר זיין אויף דעם.

ויה"ר אַז מ'זאָל ניט דאַרפן רעדן און דערציילן איינער דעם צווייטן וועגן די נסים, וואָרום יעדערער וועט און זעט עס בגלוי, מראה באצבעו ואומר זה[69], און איז מכיר ומודה לה' אויף די נסים,

ביז אַז ער שעמט זיך ניט צו אַרויסגיין אין אַ ריקוד צוליב די נסים גלויים!

וואָרום ער רעדט זיך ניט איין אַז ס'איז ניטאָ וואָס צו טאַנצן און שטורעמען אויף די נסים וואָס דער אויבערשטער באַווייזט, נאָר אדרבה: ער קומט צו דער הכרת האמת לאמיתו, א) אַז דער אויבערשטער באַווייזט נסים גלויים, און ב) אַז מ'דאַרף אויף דעם זיין בשמחה גדולה.

ובפרט שטייענדיק, ווי גערעדט, אין חודש ניסן, ווען אַלע אידן זיינען בדרגת צדיקים [כידוע[70] דער חילוק צווישן חודש תשרי און חודש ניסן, ע"ד דער חילוק צווישן עבודת התשובה און די עבודת הצדיקים[71]], ויש לומר אַז דאָס איז איינער פון די טעמים פאַרוואָס מען זאָגט דעמולט ניט קיין תחנון[26] (דערפאַר וואָס מ'דאַרף דערצו (תחנון) דעמולט ניט אָנקומען, כמדובר כמה פעמים[72]), וואָרום יעדער איד ווערט אויפגעהויבן (בבחי' נס, ארים נסי[73]) לדרגת צדיק[74], במילא דאַרף מען ניט אָנקומען צו אמירת תחנון

69) ראה תענית בסופה. שמו"ר ספכ"ג. פרש"י בשלח טו, ב.

70) ראה סה"מ תרל"ו ח"ב ע' שס. תרנ"ב ס"ע ג. ועוד.

71) ובנוגע להחדשים בינתיים יש לומר — שגם בצדיק ובעל תשובה יש כמה דרגות (צדיק גמור, שאינו גמור. תשובה מיראה, תשובה מאהבה. וכיו"ב). או שהם כנגד הדרגות בעבודת הבינוני. ואכ"מ.

72) לקו"ש חי"ד ס"ע 401 ואילך. חט"ו ע' 546. חל"ב ע' 75. ועוד.

73) ישעי' מט, כב. וראה ברכה י"א ניסן (לעיל [סה"ש תנש"א] ח"א ע' 420). וש"נ.

74) ולהעיר מהשייכות למזמור צדי"ק בתהלים,

63) תבוא כט, ג.

64) שם, ב.

65) ולהעיר שכבר עברו ארבעים שנה מעת הסתלקות כ"ק מו"ח אדמו"ר בשנת ה'שי"ת, כמדובר כמ"פ.

66) תהלים צה, י.

67) שם, יא.

68) פרש"י שם.

אַנדערע מדינות לפי שעה (אין ארצות הברית אָדער אוסטראַליא וכיו"ב) וועלן זיי בקרוב זיך איבערטראָגן (ברצון שלם ומתוך שמחה וטוב לבב) אין ארץ הקודש, צוזאַמען מיט זייערע משפחות].

און ביז אַז די מדינה אַליין איז זיי מסייע צו אַרויסגיין, בדוגמא ווי ס'איז געווען ביציאת מצרים, וואָס תכליתה איז געווען צו גיין אין ארץ הקודש (והבאתי אתכם אל הארץ גו'[56]), כולל אויך — סיוע פון די דברים גנוזים פון „מצרים" (כנ"ל ס"ד־ה), אַז מ'נוצט דאָס אויך, ביז אַז אַ טייל דערפון — און אויך פון אַנדערע געלטער פון אַנדערע מדינות — קומט אָן צו אידן, אחינו בני ישראל וואָס זיינען ערשט אַרויס (און גייען איצט אַרויס) ב„יציאת מצרים", פון „מצרים" (מלשון מיצרים וגבולים*[56]) פון מדינה ההיא, בדוגמא ווי ס'איז געווען ביציאת מצרים בפעם הראשונה, אַז „וינצלו את מצרים", ביז אַז „אף מה שלא היו שואלים היו נותנים להם", און אויך די דברים גנוזים[57].

ז. די הוראה פון דעם אַלעם איז פאַרשטאַנדיק בפשטות:

זעענדיק די נסים וואָס דער אויבערשטער טוט — ערוועקט עס נאָכמער אין אַ אידן, די הכרה אַז דער אויבערשטער איז דער בורא העולם ומנהיגו, און אַז ער מאַכט שטענדיקע נסים פאַר אידן, און „הקדוש ברוך הוא מצילנו מידם" פון די וואָס „עומדים עלינו".

ובפרט אַז די איצטיקע נסים דערמאָנען און פאַרשטאַרקן דעם הרגש באַ אידן „לראות את עצמו כאילו הוא יצא היום ממצרים", און אַז „לא את אבותינו בלבד גאל הקב"ה ממצרים אלא אף אותנו גאל עמהם" — גאולת מצרים איז די התחלה און כולל אַלע גאולות (אפילו אויך אַ גאולה וואָס „יגאלנו מן הצרות הבאות עלינו כו'"), כנ"ל,

און מ'גיט דערפאַר אָפּ שבח והודאה, „יודו לשמך"[58], „למי שעשה לאבותינו ולנו את כל הנסים האלו הוציאנו מעבדות לחירות מיגון לשמחה כו'".

ועוד וג"ז עיקר: דער עיקר אופן ווי אַ איד נעמט אויף די נסים און טוט אויף אַז דער אויבערשטער זאָל צוגעבן נאָכמער נסים איז — דורך דעם וואָס ער איז מוסיף אין לימוד התורה און קיום המצוות בהידור,

כולל — מצות תפילין (וואָס איז דאָך אַן אות וזכר צו יציאת מצרים[59]) — און הוקשה כל התורה כולה לתפילין[60] — וואָס דורך דעם ווערט „וראו כל עמי הארץ כי שם ה' נקרא עליך ויראו ממך"[61], ביז אַז אוה"ע זיינען מעורר אידן אַז זייער הצלחה בעבר ובעתיד (נאָכמער) איז דאָס דערפאַר וואָס „שם ה' נקרא עליך", און — „יודו לשמך".

און אין לימוד התורה עצמו — במיוחד בלימוד פנימיות התורה, וואָס דורך דעם ווערט „אתי מר" דא מלכא משיחא[62], „אראנו נפלאות" בגאולה האמיתית והשלימה.

ונוסף אויף די אייגענע עבודה, דאַרף מען אויך משפיע זיין אויף נאָך אידן, דורך הפצת התורה והיהדות און הפצת המעינות חוצה, כולל ובמיוחד — באַ די

56) וארא ו, ח.

*56) ראה תו"א וארא נז, ב ואילך. בשלח סד, א־ב. יתרו עא, ג ואילך. ובכ"מ.

57) ראה שמו"ר פי"ד, ג. ועוד.

58) תהלים קמ, יד.

59) ס"פ בא.

60) קידושין לה, א.

61) תבוא כח, י. ברכות ו, סע"א.

62) אגה"ק הידועה דהבעש"ט — נדפסה בכתר שם טוב בתחלתו. ובכ"מ.





חודש ניסן (וואָס אויך דעמולט זאָגט מען ניט קיין תחנון[26], „נוהגין לעשות כולו (כל חודש ניסן) קודש כעין י"ט"[27]), ואדרבה — הכל הולך אחר החיתום[28].

ובפרט אַז דאָס איז אויך אין דער וואָך פון פ' שמיני, און בשנה זו — לייענט מען פ' שמיני שמונה פעמים, וידוע דער פתגם[29] אַז „שמיני שמונה שמינה", אַז אַ יאָר ווען מ'לייענט שמיני שמונה פעמים וועט זיין אַ „פעטער" יאָר געבענטשט בגשמיות וברוחניות — און איצטער, בסוף חודש ניסן, האַלט מען באַ מסיים זיין די אַכט מאָל פון קריאת פ' שמיני — וואָס שמיני באַווייזט אויף די הנהגה נסית פון דעם אויבערשטן[30] (שלמעלה משבעת ימי ההיקף פון מעשה בראשית, סדר הטבע[31]), ועאכו"כ שמונה פעמים שמיני, אַז מ'האָט אַ יאָר וואָס איז „פעט" און אָנגעפילט מיט נסים ונפלאות, אין אַן אופן פון שומן[32], וואָס איז „מפעפע בכולו"[33].

ג. דער סדר באַ גאולת ויציאת מצרים איז געווען (בכללות):

„התחלת הגאולה והנסים"[34] איז געווען מיט דעם נס גדול[35] (נאָך פאַר חג הפסח) פון „למכה מצרים בבכוריהם"[36], אַז דוקא די בכורי מצרים אַליין האָבן געשלאָגן די מצריים, ובאופן פון „למכה" דוקא (ניט „להורג" וכיו"ב), ווייל די בכורים האָבן דאָך ניט גע'הרג'ט אַלע מצריים (נאָר אַ טייל פון זיי), נאָר געשלאָגן זיי („למכה"). ואדרבה: אין „למכה" איז דאָ די מעלה, אַז די מצריים אַליין קומען דערנאָך צו דער הכרה אין די נסים און זיי אַליין טרייבן אַרויס אידן פון מצרים.

דערנאָך — ביום חמשה עשר בניסן — איז געווען יציאת מצרים בפועל, און דוקא באופן פון „ותחזק מצרים על העם למהר לשלחם גו'"[37], „בשלח פרעה את העם"[38]. און די אידן זיינען אַרויס בשלימות, „ברכוש גדול"[39], „כספם וזהבם אתם"[40], און אין אַן אופן פון „וינצלו את מצרים"[41], „כלי כסף וכלי זהב ושמלות"[42], ביז אַז „אף מה שלא היו שואלים מהם היו נותנים להם"[43].

ביז — דער גמר וסיום פון יציאת מצרים באַ קריעת ים סוף, וואָרום אפילו ווען אידן זיינען אַרויס פון מצרים זיינען די מצריים נאָך געבליבן בתקפם, ביז אַז „וירדפו מצרים אחריהם"[44], און ס'איז געווען (שייך) דער פחד ומורא פון מצרים עליהם; משא"כ דורך טביעת מצרים בים,

26) שו"ע אדה"ז או"ח סתכ"ט ס"ח. וש"נ.

27) שו"ע אדה"ז שם ס"ט (ממג"א שם סק"ג).

28) ברכות יב, א.

29) הובא ונת' בלקו"ש ח"ז ע' 297. שיחת אחש"פ וש"פ שמיני תשמ"ה. תשמ"ח (סה"ש תשמ"ח ח"ב ע' 408 ואילך). ועוד.

30) ראה גם מכתב י"א ניסן ש.ז. (נדפס לקמן [סה"ש תנש"א ח"ב] ע' 873 ואילך).

31) ראה שו"ת הרשב"א ח"א ס"ט. הובא ונת' בד"ה ויהי ביום השמיני תרע"ח. תש"ד. תש"ה. ועוד. וראה גם הנסמן לקמן [סה"ש תנש"א ח"ב] ע' 895 הערה ד"ה אָנגע־דייטעט.

32) ראה גם שיחת ערב פסח ש.ז. (לעיל [סה"ש תנש"א] ח"א ע' 429). וש"נ.

33) יו"ד סק"ה ס"ה. וראה חולין צז, רע"א.

34) שו"ע אדה"ז או"ח סת"ל ס"ב.

35) תוד"ה ואותו — שבת פז, ב בשם מדרש (ראה דעת זקנים מבעה"ת בא יב, ג). טור ושו"ע אדה"ז או"ח ר"ס תל.

36) תהלים קלו, י. וראה מדרש תהלים שם. רש"י ומצו"ד שם.

37) בא יב, לג.

38) ר"פ בשלח (יג, יז).

39) לך לך טו, יד. וראה ברכות ט, סע"א ואילך. הובא בפרש"י עה"ת בא יא, ב.

40) לשון הכתוב — ישעי' ס, ט.

41) בא יב, לו. וראה ברכות שם.

42) בא שם, לה.

43) פרש"י שם, לו, ממכילתא עה"פ.

44) בשלח יד, ט.

„לא נשאר בהם עד אחד"[45], חוץ פון דעם „אחד", פרעה מלך מצרים (וועלכער איז דערנאָך געוואָרן מלך נינוה)[46] בכדי ער זאָל זעען די נסים ונפלאות וואָס דער איבערשטער האָט געמאַכט פאַר אידן.

ד. „כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות":

יעדערער קען זען בגלוי ווי די נסים פון יציאת מצרים שפּיגלען זיך אָפּ איצטער אין דעם נצחון בימינו אלו — סיי אין דעם עצם נצחון און סיי אין דעם זמן ווען דאָס קומט פאָר, ובמיוחד — אין די ימים זכאין פון חודש ניסן (וואָס בשנה זו שטייט דעמולט נאָכמער בהדגשה דער ענין החירות, כנ"ל):

נאָך פאַר חג הפסח — איז געווען דער „למכה מצרים בבכוריהם", אַז די „בכורים" פון אומות העולם[47] (כולל פון מדינת מצרים און די מדינות ערביים הסמוכות לה) — כפי החלטת באי כחם אין די „יונייטעד ניישענס" — האָבן מלחמה געהאַט און געשלאָגן „מצרים", אַ צורר היהודים, (מצרים מלשון[48] „מיצר" לישראל ר"ל,

וביום הפורים שנה זו — „שנת אראנו נפלאות" — איז געווען דער נצחון (ווי די אוה"ע האָבן מכריז געווען), און זיין מפלה, באופן פון „למכה גו'" (ניט „להורג"), און דוקא דורך ניט־אידן („בכוריהם"), וועלכע האָבן אים נוזף און מבזה געווען, און מכריח געווען אַז ער דאַרף חרטה האָבן פון פעולותיו עד אז,

און ער האָט געמוזט מודה זיין און אָננעמען און מקיים זיין די אַלע ציוויים והוראות און פאָדערונגען וואָס ער האָט באַקומען פון „בכוריהם": באַפרייען אַ טייל פון די מלחמה־געפאַנגענע, און אויך מקיים זיין די אַנדערע זאַכן וואָס מ'האָט פון אים געפאָדערט.

און דערנאָך איז געווען דער המשך בזה — אין חודש ניסן, און דעמולט גופא — בימי הפסח, „זמן חירותנו" — אַז „בכוריהם" אין די „יונייטעד ניישענס" האָבן ממשיך געווען אין דער נזיפה ובזיון שלו:

בימי הפורים ולאחרי זה האָט מען נאָך ניט געוואוסט וואָס וועט זיין דער המשך, ווי ווייט מ'וועט אים מבזה ומזיק זיין, ווי שטאַרק ער וועט בלייבן, וויפל ער וועט דאַרפן מודה זיין און אָפּצאָלן, און ווי ער וועט דאָס אַלץ אָננעמען, אָדער דאָס וועט זיין דורך אַנדערע; דערנאָך בימי חודש ניסן, בימי הפסח — זיינען „בכוריהם" אַרויס מיט אַ נזיפה חזקה און אַ החלטה למסקנא ותנאים חזקים (נוסף אויף די הוראות שלפני זה) ווי סאַדאַם דאַרף זיך אויפפירן, און אויך זעען און פאַרזיכערן אַז ער זאָל דאָס מקיים זיין: באַפרייען די שבויים, אומקערן דאָס וואָס ער צוגענומען, און אָפּצאָלן פאַר די נזקים און היזקות וואָס ער האָט איצטער געטאָן (און אויך אויף דעם וואָס ער האָט פריער געטאָן),

ובהמשך ימי החודש, ביז אין די לעצטע טעג פון דעם חודש, איז אין דעם נס צוגעקומען נאָכמער — אַז ער האָט דערצו אַלץ מסכים געווען, און אָן קיין ווידערשטאַנד און מלחמה,

ביז אַז ער האָט מגלה געווען געלטער און רכושים וואָס ער האָט באַהאַלטן (און ביז איצטער האָט מען גאָר ניט געוואוסט אַז ער האָט דאָס געהאַט).

ה. דערפון האָט מען דעם ענטפער צו

45) בשלח שם, כח.

46) מכילתא עה"פ. מדרש תהלים קו, ה. פדר"א פמ"ג. מדרש שכל טוב עה"פ. וראה תו"ש עה"פ אות קפו.

47) והרי כל המלכיות נקראות על שם מצרים (ב"ר פט"ז, ד).

48) ב"ר שם.





די אידן וואָס פרעגן: שטייענדיק אין דעם „שנת אראנו נפלאות" — וואו זעט מען נסים ונפלאות, ביז בדוגמת די נסים ונפלאות באַ יציאת מצרים און פורים?!

מ'דאַרף נאָר אויפעפענען די אויגן און צוקוקן צו די לעצטע געשעענישן אין יענער טייל וועלט, ווי געדרוקט אין צייטונגען —

זעט מען בגלוי ממש ווי עס זיינען פאָרגעקומען און עס קומען פאָר נסים ונפלאות (בדוגמת צו די נסים ביציאת מצרים) לטובת בני ישראל ולטובת העולם כולו, אָנהויבנדיק פון דעם אַז „למכה מצרים בבכוריהם", די בכורי אוה"ע אַליין האָבן מבטל געווען דעם כח ושליטה פון דעם צורר היהודים און צורר קעגן אַנדערע מענטשן (אויך ניט־אידן), און ער קערט אום דאָס וואָס ער האָט צוגענומען, און צאָלט אָפּ די היזקות, כולל אויך — די דברים גנוזים וועלכער ער האָט באַהאַלטן.

און נאָכמער: די נסים קומען פאָר אין די טעג פון יאָר וואָס זיינען ספּעציעל פאַרבונדן מיט נסים פאַר אידן: ימי הפורים — ווען ס'איז געווען דער נס ונצחון וגאולה פון אידן און די מפלה פון המן הרשע צורר היהודים (אין מלכות פרס ומדי), און (מיסמך גאולה לגאולה[49] —) ימי חודש ניסן וימי הפסח — גאולת ישראל פון מצרים, ובאופן פון נסים ונפלאות,

ואדרבה[3]: נס פורים איז געווען אַ נס מלובש בדרכי הטבע[50], אַזוי אַז נאָר דורך דער פאַרבינדונג פון אָנפאַנג פון מלכות אחשורוש מיט „בשנת שלוש למלכו"[51] און מיט „בשנת שבע למלכותו"[52] און מיט „חודש ניסן בשנת שתים עשרה" למלכותו[53] וסעודות אסתר פאַר אחשורוש והמן[54] וכו' — מאַכן פון דעם אַלעם איין המשך וענין און זיך אין דעם אַריינטראַכטן — האָט מען אין דעם דערקענט יד השם. משא"כ אין די איצטיקע געשעענישן קומען פאָר נסים ונפלאות גלויות, גלויות ניט נאָר פאַר אידן, נאָר אויך פאַר אַנדערע פעלקער.

און די נסים קומען פאָר, כאמור, אין חודש ניסן, אַזוי אַז מיום ליום (אין חודש ניסן עצמו) קומען צו נייע אַנטוויקלונגען, בקשר מיט דער החלטה פון „בכוריהם" (אין „יונייטעד ניישענס"), און אין דער הסכמה פון סאַדאַם — ווי ס'איז געווען בימים אלה בסיום חודש ניסן, חודש הגאולה, און מ'ערוואַרט אַז עס וועט זיין אַ המשך בכיוון זה, היינט באַנאַכט, אָדער מאָרגן, איבערמאָרגן וכו'.

ו. נאָך אַן ענין אין די געשעענישן בזמן האחרון אין וועלכן מ'זעט נסים ונפלאות — איז די יציאה פון אַ ריבוי אידן ממדינה ההיא, וועלכע איז בדוגמת יציאת מצרים[55]:

לאחרי אַ ריבוי שנים פון אַ הנהגה באופן אחר לגמרי, אין וועלכע אידן האָבן פון דאָרטן ניט געקענט אַרויסגיין — איז דוקא בשנה זו ובשנה שלפני' האָט די מדינה אויפגעעפנט אירע טירן צו אַרויסלאָזן אידן זיי זאָלן גיין אין ארץ הקודש [און אפילו אויב, מאיזו סיבה שתהי', האָבן אַ טייל פון זיי זיך מתעכב געווען אין

49) מגילה ו, סע"ב.

50) תו"א מג"א צג, סע"ג ואילך. שם ק, א. ובכ"מ — נסמנו לקמן [סה"ש תנש"א ח"ב] ע' 884 הערה ד"ה ווי באַוואוסט.

51) אסתר א, ג.

52) שם ב, טז.

53) שם ג, ז.

54) שם ה, ד ואילך. ז, א ואילך.

55) וראה לעיל הערה 11, שכל מסעי בנ"י (גם בזמן הזה) נקראו „אלה מסעי בנ"י אשר יצאו ממצרים".